NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12960

# DER LIGNER

I.B. Tsipor

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ב. צפור

# דער ליגנער

קינדער־שפיל אין צוויי בילדער.

MICROFORM 7373

אלט-יונג

ווארשע, 1922.

נאָכדריק פֿאַרבאָטן.

Copyrigth 1921
by M. Utkiewitz
— New-Jork.
105 E 103 str

DER LIGNER
I. B. CIPORA
WYDAWNICTWO „ALT-JUNG"
DRUKARNIA B-ci WÓJCIKIEWICZ,
KRAMY NALEWKOWSKIE 5.

אוצר ספרי ... ירושלים

# אנטיילנעמער:

גדליה, א שמיד

הערשעלע, 12 יאָר | זיינע קינדער
שיינדעלע, 13 יאָר |

בערל מירקעס, גדליה'ס ברודער א שוסטער

מירקע, זיין חייב

אברהמל, 13 יאָר |
חאַצקל, 14 יאָר | זייערע קינדער
גיסעלע, 12 יאָר |

—

מאָטל מזיק, איינגל ביי בערלען אויף דער לער.

# ערשט בילד.

די בינע שטעלט פֿאָר אַ הויף. לינקס, אין הינטערגרונט—גדליהס קוזניע, ווו עס זעט זיך אַ פֿייער. רעכטס, אין הינטערגרונט — אַ האַלב אָפֿענער שייער, וואָס גייט אויף אַ וועג אַרויס. לינקס אין פֿאָדערגרונט — די טאַרענדע פֿון גדליהס וווינונג. אַביסל אַרויף-צו — עטלעכע בוימלעך, נעבן אַן איינגאַנג, וואָס פֿירט אין אַ גערטל אַריין.

### גדליה

אַרומגענומען מיט אַ פֿאַרטוך, די אַרבל פֿאַרשאַרצט, שטייט פֿאַר דער טיר פֿון דער קוזניע און פּאָרעט זיך בײַ אַ ראָד פֿון אַ וואָגן

### אַברהמל און הערשעלע

קומען צולויפֿן פֿון גערטל, אַברהמל רייכערט אַ פּאַפּיראָס

### הערשעלע

לויפֿט אים נאָך

וואַרט אַביסל! לויף נישט אַזוי! איך וויל דיר עפּיס זאָגן.

### אַברהמל

בחנם, וועסט נישט קריגן.

### הערשעלע

איין צי, גיב מיר, בלויז איינעם.

### אַברהמל

אַפילו נישט אַ האַלבן.

### הערשעלע

העפּטיק

זאָג, ווער האָט אויפגעהויבן דאָס שטיקל ציגאַר פון דער ערד
איך צי דו!!

**א ב ר ה מ ל**

אויך מיר אַ מענטש! רויכערן ווילט זיך אים. כאַ-כאַ-כאַ!..

**ה ע ר ש ע ל ע**

אָבער, ווער האָט אויפגעהויבן סשטיקל ציגאַר נעבן מיסט-קאַסטן?
אדרבא זאָג דו אַליין.

**א ב ר ה מ ל**

דול נישט קיין ספּאָדעק, דו קליינער שניעק! איך וועל דער-
ציילן דיין טאַטן, אַז דו רויכערסט.

**ה ע ר ש ע ל ע**

*מיט טרעטן אין דער פּסים*

איך רויכער? דו רויכערסט דאָך!

**א ב ר ה מ ל**

ט, און אַז איך רויכער, איז עס דיין באָבעס דאגה! איך האָב
מיר געקויפט טאַבאַק, רויכער איך. קויף, וועסטו אויך האָבן.

**ה ע ר ש ע ל ע**

ליגנער! געקויפט האָסטו! ס'איז דאָך דער טאַבאַק פון מיין
שטיקל ציגאַר!

**א ב ר ה מ ל**

דיין ציגאַר? כאַ-כאַ-כאַ!.. *צים אויף דעם פּאַפּיראָס און בלאָזט מיט גאווה*

**ה ע ר ש ע ל ע**

אודאי, מיינער! איך האָב אים אויפגעהויבן, נעבן מיסט-קאַסטן.

**א ב ר ה מ ל**

אַז דו האָסט אויפגעהויבן, טו רויכער.. *רויכערט מיט שטאָלץ*

**ה ע ר ש ע ל ע**

*מיט טרערן אין קול*

אַ פּאַרכאַפּער בײַזשט! אַ ליגנער!

א ב ר ה מ ל

עי, דו, געלער קאָטער, האַלט ס'מויל; אויב ניט וועל איך עס דיר צו כאַפּן!

ה ע ר ש ע ל ע

הויבט אויף א שטיין פון דער ערד

מיינסט כהאָב מורא?

א ב ר ה מ ל

כוס זיך א לאָז צו הערשעלען, דער לעבעדער כאַפּט אים אָן בײַ דער האַנט און חיל אים אויסרייסן דעם פּאַפּיראָס, — עס הערט א געראַנגל

ג ד ל י ה

לאָזט איבער דאָס ראָד און לויפט צו

הע, קונדסים! וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאָגן זיך די קינדער לאָזן זיך אָפּ קיין אַנדער שפּיל האָט איר שוין ניט געקאָנט אויסקלערן ווי נאָר די נעז זיך אָפּצורייסן?

ה ע ר ש ע ל ע

מיר שפּילן זיך ניט.

א ב ר ה מ ל

ער האָט אויפגעהויבן אַ שטיין און וויל מיר דעם קאָפּ פּלעטן.

ג ד ל י ה

מיט פאַרחורף צו הערשעלען

מיט שטיינער גאָר!?

ה ע ר ש ע ל ע

אַ פאַרכאַפּער איז ער.

א ב ר ה מ ל

רויכערן וויל ער זיך אים.

**ג ד ל י ה**

צו הערשעלען

רויכערן?.. וועסט קיין צייט ניט האָבן, אַז דו וועסט עלטער ווערן?

**ה ע ר ש ע ל ע**

מיט טרערן אין קול

אברהמל האָט געהאַט עטלעכע אָפּגעברענטע טרובקעס פֿון פּאַפּי-ראָסן, האָב איך געפֿונען אַ שטיקל ציגאַר נעבן מיסט-קאַסטן, נעם איך און הויב עס אויף. זאָגט ער צו מיר אַזוי: אָט האָב איך גילון, גיב מיר ססשטיקל ציגאַר, וועל איך מאַכן טאַבאַק און אָנשטופּן פּאַפּיראָסן. זאָג איך: וועסט מיר אויך געבן? זאָגט ער: יאָ. זאָג איך: נאַ... נעמט ער און צערייבט ס'שטיקל ציגאַר און שטופּט זיך אָן אַ פּאַפּיראָס; העלף איך אים נאָך צו, דאַרף מען פֿייער, נעם אַ קויל פֿון קוזניץ, און ער פֿאַררויכערט אַליין, זאָג איך אים: גיב מיר אַ ציִ, זאָגט ער: ניין. זאָג איך: דער ציגאַר איז דאָך מיינער, כהאָב אים אויפֿגעהויבן. זאָגט ער: ניין, ס'איז זיינער! זאָג איך: ליגנער! פֿאַרכאַפּער! זאָגט ער מיר: געלער קאַטער. הי-הי-הי!.. חינם מהאָט דאָך אַזוי אָפּגערעדט!.. סהייסט דאָך אָפּגענאַרט!.. באַגנבעט!..

**א ב ר ה מ ל**

קרומט זיך נאָך

אָפּגענאַרט... באַגנבעט... כהאָב דיר וואָס צוגענומען?

**ה ע ר ש ע ל ע**

און מיין טאַבאַק?..

**א ב ר ה מ ל**

מאַכט אים נאָך

און מיין טאַבאַק!.. אַ שטיקל ברודיקן ציגאַר... באַגנבעט האָב איך אים... וואָס נאָך וועטסו זאָגן?.. אַ גנב בין איך?..

**ה ע ר ש ע ל ע**

אים נאָכקרומענדיק

אַ שטיקל ברודיקן ציגאַר.. אָבער ס'איז דאָך מיינס...

אברהמל

אָבער די גילזן זענען דאָך מיינע...

הערשעלע

האָסטו דאָך גערויכערט!..

אברהמל

קרעמט זיך נאָך

האָסטו דאָך גערויכערט... און די האָסט נישט גערויכערט?!..

הערשעלע

מיט אויפרעגונג

ליגנער!.. דו, ליגנער!..

אברהמל

קריכט זיך אים נאָך

ליגנער... ליגנער... קוק עס נאָר אָן... באַגנבעט האָב איך אים..
גענומען אַ שטיקל ברודיקן ציגאַר, הייסט עס באַגנבעט... באַ-
גנבעט האָב איך אים... ער צעוויינט זיך וואָס, אַ גנב בין איך?!..

גדליה

העלבער האָט זיך אויסגעהערט. אויפמערקזאַם

הער אויס, אברהמל. איך כאַפּ זיך גוט איין וואָס דאָ גייט. דו
טוסט אים אַן עוולה: געגנבעט, הייסט עס באמתן נישט... נאָר,
ווי זאָגט מען... ס'איז עפּיס נאָך ערגערס... למשל איינעם באַ-
שווינדלען... אויסכאַפּן ביי יענעם ווי זאָגט מען: באַגזלען...
דו ביזט אַ דורכגעטריבענער יונג, איך ווייס... קיין שכל אין
קאָפּ פעלט דיר נישט... האָסט אים אונטערגעשטעלט אַ פּיסל און
גאָרנישט אויסן געווען דערמיט... גלאַט אַזוי זיך, אַ ביסל רייצן
זיך מיט אים... אָבער, אַ סוף. אַן עק. אָפּגערעדט איז אָפּגע-
רעדט... נעם און גיב אים אַ גילז אַנדערש פאַרשטייסטו מיך,
איז פּאַסקודנע, פע!.. אַ וואָרט איז אַ וואָרט.

א ב ר ה מ ל

דער פעטער זאָגט אויך, אַז איך האָב געגנבעט!

ג ד ל י ה

אויב דו האָסט עס געטאָן אויף אַ רעכטן אמת, הייסט עס, געגנבעט... איך בין אָבער זיכער, אברהמל, אַז דו ביזט אַ קלוג יונגל, ביזט דערמיט גאָרנישט אויסן געווען קיין שלעכטס. גלאַט אַזוי זיך רייצן אַביסל: מעשה־קינדס — בכן, הער, וואָס אַן עלטערער זאָגט דיר: גיב איבער אַ גילו, און אַ סוף, אַן עק!..

א ב ר ה מ ל

גיט הערשעלען אַ גילו

נאַ, אָט האָסטו אַ גילו. און זאָג נישט, אַז איך האָב דיך — באַגנבעט.

ה ע ר ש ע ל ע

גיבט צו די גילו

איך זאָג נישט, דו האָסט באַגנבעט, נאָר אָפּגערעדט איז אָפּ גערעדט. אַ וואָרט איז אַ וואָרט.

ג ד ל י ה

איצט, קינדערלעך, אַז איר זענט שוין צוריק חבר. הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן: פֿאַרוואָס רויכערט איר? איר ווייסט גאָר אליין נישט, וויפֿיל קראַנקהייטן דאָס ברענגט. היינט — געלט! היינט -- ציים?..

א ב ר ה מ ל

אָ געלט! עס קאָסט אונז נישט אפילו קיין פּעניג.

ג ד ל י ה

איך פֿאַרשטיי. ווייל איר קלייבט אויף שטיקלעך פון גאַס. פון וואַנען אָבער, ווייסט איר, ווער סהאָט זיי אין מויל געהאַלטן? איבעריקענס זענט איר דאָך נאָך צו יונג! פּיצלעך קינדער!..

**א ב ר ה מ ל**

*אַביסל אימצופּרידן*

יאָ. פּיצלעך קינדער... שוין ניט אַזוי קליין, ווי דער פֿעטער מיינט...

---

**ג ד ל י ה**

*שמייכלט*

איך פֿאַרשטיי. דו ווילסט ניט זיין קיין קינד, און ווילסט נאָכ-טון די עלטערע. אָבער זיי אַזוי גוט, אברהמל, דערלאַנג מיר — אַהער יענעם גרויסן האַמער, פֿון נעבן קלאָץ, דאָרט.

**א ב ר ה מ ל**

*גייט צו צום קלאָץ, פּרוּווט אויפֿהייבן דעם האַמער און קאָן ניט*

**ג ד ל י ה**

*שמייכלט*

וואָס דו קאָנסט אים ניט אויפֿהייבן?! נאַ, זע, ווי לייכט איך הויב אים אויף און באַוועג אים *הויבט אויף דעם האַמער מיט איין האַנט און באַוועגט אים גאַנץ לייכט און דער לינקס*

**א ב ר ה מ ל**

אָ, סאיז גאָרניט קיין קונץ. דער פֿעטער איז שוין אַ גרויסער, אַן עלטערער מענטש...

**ג ד ל י ה**

*מיט אַ שמייכל*

און דו?

---

**א ב ר ה מ ל**

איך... איך בין נאָך קליין אינגאַנצן דרייצן יאָר אַלט...

**ג ד ל י ה**

*שמייכלט*

דו קליינער שניעק! און רויכערן ווילסטו, ווי אַ גרויסער? אַריינ-

טרונקן אין זיך רויך מיט טס!.. אַ שאָד אייער געזונט, קינדער־
לעך אַ שאָד... גייט אָפּ צו דער קוכניע

**ש יי נ ד ע ל ע**

קומט אַרויס פון דער תאווגונג

וואָס, האַצקל און גיטעלע דינען נאָך ניטאָ?

**א ב ר ה מ ל**

ווייסט דאָך ווו האַצקל איז. האָט משוגענע איינפאַלן, און פאַר־
געסט תמיד, וואָס ער האָט צו טון.

**ש יי נ ד ע ל ע**

זאָל ער האָבן פאַרגעסן, אַז מיר מוזן היינט רעפּעטירן אונזער
קאָמעדיע?

**ה ע ר ש ע ל ע**

ער האָט צוגעזאָגט אונז היינט צו ווייזן זיינע גבורות.

**ש יי נ ד ע ל ע**

ער זאָגט אַלעמאָל. און קומט דערצו, ניטא מען זעט און ניטא
מען הערט...

**ה ע ר ש ע ל ע**

לאָמיר רעפּעטירן אָן אים.

**ש יי נ ד ע ל ע**

האָמיר דאָך ניט סביבל. ער האָט עס גענומען, אָפּצושרייבן
זיין ראָל. און חוץ דעם וועלן דאָך אונז פעלן צוויי פּאַרשוין.

**א ב ר ה מ ל**

אָט גייען זיי, דאַכט זיך! האַצקל און גיטעלע קומען דורכן טויער

**ש יי נ ד ע ל ע**

שרייט זיי אנטקעגן

סקאַצלקומט! קוים אַמאָל!..

הערשעלע

מיר האָבן בחנם צייט פאַרלוירן.

גיטעלע

סאיז דיין שולד, האַצקל צו די איבעריקע ער איז קיינמאָל נישט־גרייט.

אברהמל

צו האַצקלען

האָסט נישט געקאָנט קומען אַביסל פריער?

האַצקל

קומען פריער, יאָ... און מיין היטל?

גיטעלע

וואָס איז דען געשען מיט דיין היטל?

האַצקל

און די גאַנז וואָס די מאַמע האָט געקויפט?

שיינדעלע

וואָס געהער זיך אָן די גאַנז מיטן היטל?

האַצקל

אַ שיינע מעשה, כלעבן!

הערשעלע

דערצייל, האַצקל! וואָס איז געשען?

האַצקל

די מאַמע האָט געקויפט אַ גאַנז אויף שבת. הייסט זי מיך אַרויפטראָגן די גאַנז אויפן בוידעם. טראָג איך זי אַרויף. ווי מיר זיינען אויפן בוידעם, כאַפט זי מיר אַראָפ דאָס היטל און מיט איין פלי איז זי אויפן דאַך. לויף איך דאָך מסתמא נאָך, שעמט זי זיך נישט און נעמט פליען פון איין דאַך אויפן צווייטן,

לענג־אויס דער גאַנצער גאַס. ביז צום ראָג, און דאָרט לאָזט זי זיך אַראָפּ אין אַ גאָרטן אַריין.

שיינדעלע

מיטן היטל?

האַצקל

אודאי מיטן היטל.

הערשעלע

און דו ביזט איר נאָך?

האַצקל

הערסט... וואָס דען? שטיין מיט די הענט אין די קעשענעס?

אַלע

גלייכצייטיק

נאָך!.. אַראָפּגעשפּרונגען?!..

שיינדעלע

פון דריטן שטאָק אַראָפּגעשפּרונגען!

האַצקל

פון דריטן ניט, נאָר פון צווייטן...

הערשעלע

ווי אַזוי? ביזט דאָך געווען אויפן דריטן?

האַצקל

ביזן צווייטן האָב איך געקלעטערט, ווי אַ קאַץ, זיך אָנהאַלטנדיק אָן די ציגל פון דער וואַנט. פונם צווייטן שטאָק אָן און ווייטער איז אָבער די וואַנט געווען גלאַט, ווי אַ שפּיגל, און איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי אַרונטערצושפּרינגען.

אברהמל

און דיר נישט ווי געטון!

הערשעלע

געקאָנט די פּיס צוברעכן!..

—

חאַצקל

לאָזט ריידן!.. הערט ווייטער!.. צום גליק האָרט אָן גראָד דעם אויגנבליק אַ וואָגן שטרוי, און איך פאַל אַריין אין שטרוי אַריין. איך וויל אַראָפּגיין, אָבער סאיז אוממעגלעך: די פערד לויפן בליץ-שנעל. איך שריי צום פורער, וואָס פירט די פערד, ער זאָל זיך אָפּשטעלן, איז ער אָבער טויב, ווי אַ שטיק האָלץ. הכלל איך האָב געמוזט אַזוי מיטפאָרן אַ שיינע פּאָר ווערסט, ביז דער פורער האָט זיך סוף-כל-סוף אָפּגעשטעלט...

הערשעלע

און די גאַנז?

חאַצקל

די גאַנז?.. אַ, יאָ... איז שוין בסתמא אין דערהיים..

שיינדעלע

ווי? אַליין אהיימגעפלויגן?

חאַצקל

דער גערטנער איז מיין טאַטנס אַ באַקאַנטער. גייט זיך ביי אונז שיך...

הערשעלע

און דאָס היטל?

חאַצקל

סהיטל?.. יאָ... אודאי... כהיטל ווערט ער מסתמא אויך אָפּ-ברענגען...

**שיינדעלע**

דו ווייסט גיכטו דאָך צוגעטון אויפֿן קאָפּ!

**חאַצקל**

אַ, יאָ. כ׳האָב פֿאַרגעסן... כ׳היטל האָב איך געהאַט מיט מיר,
ווען איך בין אַראָפּגעשפּרונגען ...

**הערשעלע**

די גאַנז האָט עס דיר דאָך אַרונטערגעכאַפּט?

**חאַצקל**

פֿאַרדריי נישט קיין קאָפּ, דו געלער, כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט,
אַז די גאַנז איז שוין אין דערהיים.

**שיינדעלע**

האָסט געזאָגט — מסתמא...

**חאַצקל**

אַ דאַנק, נו, לאָמיר בעסער רעפּעטירן אונזער קאָמעדיע.

*אַלע לאַכן*

**שיינדעלע**

האָסטו מיטגעבראַכט דאָס ביכל מיט די ראָלן?

**חאַצקל**

אודאי. אודאי.

**שיינדעלע**

נו, גוט, ווייז עס אַהער, און לאָמיר אָנהויבן.

**חאַצקל**

אודאי. אודאי.

**שיינדעלע**

נו, געב שוין...

**חאַצקל**

חאַרט אַ חייל, לאָמיך אַ זוך טוּן. *זוכט אין די קעשענעס* אַ וואונדער! איך געפין עס נישט... *קלאפט זיך אין שטערן* ווו קען עס זיין?..
חאָס האָב איך דערמיט געטון?..

**שיינדעלע**

סאיז גאָרנישט שווער צו טרעפן. אודאי אין דערהיים געלאָזט.

**חאַצקל**

*קלאפט זיך אין שטערן*

אָ! איך כאַפּ זיך... אודאי אַריינגעפאַלן אין וואָגן שטרוי, בעת איך בין פון הויז אַרונטערגעשפרונגען. *אלע פּיסן ארויס בים א געלעכטער*

**הערשעלע**

הער, חאַצקל, וואָס טויגן דיר די ליגנס? ווייסט דאָך, אז מיר גלויבן נישט קיין וואָרט פון דעם, וואָס דו דערציילסט וועגן דער גאַנז, דעם היכל, און דעם פויער מיטן וואָגן שטרוי...

**שיינדעלע**

זאָג בעסער, אז דו האָסט דיין ראָל נישט אָפּגעשריבן.

**חאַצקל**

אָבער איך זאָג אייך, אַז יאָ! איך האָב עס געהאַט מיט מיר, ווען איך בין אַריינגעשפרונגען אין וואָגן אַריין, עס מוז נאָך דאָרט ליגן.

**שיינדעלע**

*לאכט*

נו, גיי אַהיים און ברענג עס... *אלע לאכן*

**חאַצקל**

דו ביזט פאַרדרייט, ביי. *מאכט א ברוגזן אָנגעשטעל*

**שיינדעלע**

ביזט ברוגז?

**חאַצקל**

וואָס דען, חבר וועל איך מיט דיר זיין פֿאַר אַזעלכע רייד.

**שיינדעלע**

פֿאַרגייענדיק זיך איראָניש

נו, בעט איך דיך איבער!.. אַ אַוויילן מאָל וועל איך שוין גלייבן אַלע ליגנס, וואָס דו וועסט דערציילן...

**חאַצקל**

בייז

ביזט אַ גרויסער נאַר!.. און וואָלסטו געווען אַ מאַן, וואָלט איך דיך פֿאַר אַזעלכע ווערטער צוריבן, ווי מען צורייבט אַ פֿוילן עפּל... און דערצו מיטן מינדסטן פֿינגער.. און דו וואָלסט עס כשר פֿאַרדינט..

**שיינדעלע**

אדרבא, פּרוּוו דאָס, חאַצקל, צורייב מיך מיט דיין מינדסטן פֿינגער...

**חאַצקל**

דו ווייסט אפֿנים נישט נאָך, ווי סטאַרק איך בין?

**שיינדעלע**

ניין, איך ווייס נישט.

**חאַצקל**

וועסטו געוואָר ווערן...

**אברהמל**

ווייז, חאַצקל, ווייז דיין כּח..

הערשעלע

ווייז אַ קונץ, הייב אויף מיין טאַטנס גרויסן האַמער. אברהמל האָט געפּרוווט, האָט ער ניט געקאָנט.

חאַצקל

צילאָכט זיך

כאַ-כאַ-כאַ! דעם גרויסן האַמער!.. אויך מיר אַ קונץ! איך בלאָז אים אַוועק ווי אַ פעדער. נאַראָנים, איר ווייסט, צו ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק, האָב איך איינער אַליין אויפגעהויבן אַ פערד פון דרערד.

אַלע

גלײכצײטיק

אַ פערד!..

שיינדעלע

האָסט אויפגעהויבן אַ פערד, דו?

חאַצקל

ווײַזט די הענט

בלויז מיט מיינע ביידע הענט. ווי איר זעט מיך לעבן! אַ פערד האָט זיך אויסגעגליטשט און געפאַלן. אַ גאַנצער עולם האָט זיך צונויפגענומען, און איטליכער באַזונדער האָט געשלעפּט, געשמיסן, געשטופּט, ביים עק געצויגן; געהאָלפן האָט עס, ווי אַ טויטן באַנקעס. וואָס טו איך? איך לויף צו, צעטרייב דעם גאַנצן עולם, לעג אונטער ביידע הענט אונטערן בויך פונעם פערד, און איינס! צוויי! דריי! דער בעלער איז אויף די פיס...

שיינדעלע

ווען איז דאָס געווען?

חאַצקל

ווען דאָס איז געווען? ערשט יענע וואָך.

**ש ײ נ ד ע ל ע**

װאָסער אַ טאָג, מײַן אײַך.

**ח אַ צ ק ל**

–װאָסער אַ טאָג! אַ גרױסע זאַך כּלעבן; דעם טאָג זאָל איך נאָך געדענקען.

**ג י ט ע ל ע**

פֿאַרװאָס האָסטו אונדז גאָרנישט דערצײלט?

**ח אַ צ ק ל**

סלױנס זיך טאַקע... אַזאַ גרױסע זאַך איז דאָס? באַרימען זיך דערמיט?

**ש ײ נ ד ע ל ע**

אַזױ גרױס, װי דײַן װאָגן שטרױ... (אַלע לאַכן)

**ג י ט ע ל ע**

מיר װעלן רעפּעטירן, צי נײן?

**ח אַ צ ק ל**

אודאי, אודאי, איך גײ ברענגען די ראָלן.

**ש ײ נ ד ע ל ע**

דאָס ביכל איז דאָך אין װאָגן שטרױ!

**ח אַ צ ק ל**

די אָפּגעשריבענע, מײַן אײַך. אין אײן רגע בין איך צוריק (אָפּ)

**ש ײ נ ד ע ל ע**

(צו גיטעלען)

דו װײסט, גיטעלע, דײַן חאַצקעלע װערט פֿון טאָג צו טאָג מער ליבער.

ה ע ר ש ע ל ע

וויַפֿיל ווערטער אַזוי פֿיל ליגנס...

ג י ט ע ל ע

אָפּט שעם איך אַליין זיך. מען קאָן אים קיין וואָרט ניט גלויבן.

ש יי נ ד ע ל ע

האָסטו גיט געפּרוווט אים אָפּצוגעוויינען דערפֿין?

ג י ט ע ל ע

ער הערט זיך ניט.

ש יי נ ד ע ל ע

און דער פֿעטער מיט דער מומע באַשטראָפֿן אים ניט דערפֿאַר?

א ב ר ה מ ל

אָ! פֿאַרן טאַטן היט ער זיך, ער האָט אַמאָל געקריגן די ביינער צעבראָכן פֿאַר אַ מאָדנער מעשה, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט.

ש יי נ ד ע ל ע

אברהמל, דו ביזט דאָך אַ קלוגער, טראַכט עפּיס אויס אַ זאַך, וואָס זאָל אים אָנלערנען און אָפּגעוויינען פֿון ליגנס זאָגן.

אַ ל ע

יאָ, יאָ. אים אָפּטון אַ שטיקל!...

ש יי נ ד ע ל ע

ששש! . אָט, גייט ער!..

ח אַ צ ק ל

באַפּט קוים דעם שטעם:

קינדער... קינדער... איך קום צוריק מיט ליידיקע הענט.

**שיינדעלע**

מיר האָבן דאָס נאָך פריִער געוווּסט?

**חאַצקל**

וואָס? איר ווייסט שוין, וואָס סהאָט מיט מיר געטראָפן?

**שיינדעלע**

מיר ווייסן נאָך דערווייל גאָרניסט; נאָר מיר האָבן פאַרשטאַנען,
אַז מיט דיר וועט וואָס טרעפן.

**חאַצקל**

נו, גוט! וועסט באַלד זען צי כ'איז מיין שולד.

**אַלע**

וואָס איז געשען? דערציי'ל!..

**חאַצקל**

איך קום אַהיים נעמען דאָס העפט מיט די ראָלן, קלאַפ איך אין דער טיר, קלאַפ, קלאַפ, קלאַפ; קיינער ענטפערט נישט. געב איך אַ פעסטן שטופ מיטן עלנבויגן, שפרינגט אָפ דער שלאָס, און די טיר פראַלט זיך אויף גאַנץ ברייט. איך גיי אַריין, וואַרף אַ בליק אין קיך — קיינער נישטאָ. וויל איך עפענען די טיר פון טאַטנס וואַרשטאַט דערהער איך פלוצים אַ פאָר מאָל דורכאַנאַנד אַ מאָדנע ברומען. די פענסטער ציטערן אַזש, און די שויבן צעפּאַלן זיך אין טויזנט שטיק. איך רוף, שריי עטלעכע מאָל — קיינער ענטפערט נישט. מאַך איך זיך האַרץ און עפן דרייסט די טיר, און דערזע פאַר מיר, סרעט וואָס!..

**שיינדעלע**

גאָרנישט?

**חאַצקל**

רעדסט ווי אַ נאַר.

אַ ב ר ה מ ל

אַ גנבֿ?

ח אַ צ ק ל

עפּיס ערגערס.

ה ע ר ש ע ל ע

אַ הונט?

ח אַ צ ק ל

סהויבט זיך ניט אָן.

ג י ט ע ל ע

אַ כּץ?

ח אַ צ ק ל

עפּיס נאָך ערגערס.

ש יי נ ד ע ל ע

לאַכט

אַ פערד, אַן אָקס?

ח אַ צ ק ל

נאַרישקייטן.

ש יי נ ד ע ל ע

אַ פייגל?

ח אַ צ ק ל

אַ בער! ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן! אַ גרויסן שוואַרצן בער...

ש יי נ ד ע ל ע

אַ בער? אין אַ הויז, אין מיטן שטאָט?

### חאַצקל

אַ גרויסער שוואַרצער בער, מיט אויגן צוויי, ווי ברענענדיק קוילן, ווי בלוט, דער פּיסק ברייט געעפֿנט, גרייט מיך אויפֿצופֿרעסן...

### הערשעלע

און דו האָסט ניט מורא געהאַט?

### חאַצקל

מורא?! כאַ-כאַ-כאַ!.. מורא? איך? פֿאַר אַ בער?..

### הערשעלע

וואָס-זשע האָסטו געטון?

### חאַצקל

אַ שאלה, נו, איך רוק מיך צוריק גאַנץ געשווינד, כאַפּ אין קיך, דער מאַמעס שפּיציק קיך-מעסער: און איינס, צוויי, דריי — פּאַם! איך שטעך אים דורך די גאַמבע אַזש ביז צווישן די אויגן, אַזוי אַז דער פּיסק איז אים ווי פֿאַרשלאָסן. ער פּרוּווט רעווען, נאָר דאָס בלוט זעצט דורכן פּיסק און דורך די נאָז-לעכער, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ער הויבט אָן זיך וואַקלען, ווי אַ שיכור און פֿאַלט אַנידער אויף דער ערד אַ טויטער.

### שיינדעלע

(מיט אַ שמייכל)

האָסטו דאָך געקאָנט אַרײַנגיין נעמען די ראָלן?

### חאַצקל

ווי אַזוי?! ער איז געבליבן ליגן פּונקט אין דער טיר.

### שיינדעלע

רוקט מען אים אָפּ. אַז מען קאָן אויפֿהייבן אַ פֿערד, קאָן מען אַ טויטן בער אויך אָפּרוקן...

ח אַ צ ק ל

משוגע ביזטו? דאָס בלוט האָט פון אים געזעצט ווי פון אַ קראַן! איך וועל דאָך מיר ניט גיין דעם אַנצוג פאַרפלעקן! דו ווייסט וויפיל בלוט דאָרט איז דאָ? אַ גאַנצער טייך! דערטרונקען ווערן קאָן מען!.. (אַלע בלייבן שטיל פאַרחידעשט און קוקן אים אָן) נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ... (ער קערט זיך אָפּ, און פאַרשטעלט זיך מיט ביידע הענט דאָס פּנים) אָרימע מאַמעשי, נעבאַך!

ג י ט ע ל ע

(אימרויק)

וואָס זאָגסטו עפּיס מאַמעשי?.. וואָס איז געשען?!

ש יי נ ד ע ל ע

באַרויק דיך, גיטעלע. ער שטעלט איצט אויס אַ נייעם ליגן, וואָס, דו קאָנסט אים נאָך נישט?..

א ב ר ה מ ל

וואָס זאָגסטו עפּיס וועגן דער מאַמעשי?

ח אַ צ ק ל

(בלייכט ווייגנדיק)

אָרימע גוטע מאַמעשי!.. הלואי וואָלט עס געווען אַ ליגן!.. (ווישט זיך די אויגן)

ג י ט ע ל ע

ווי איז מיר! חאַצקל, וואָס איז געשען?.. זאָג!

ח אַ צ ק ל

פאַרוואָס בין איך נישט אָנגעקומען אַ ביסל פריער, וואָלט איך זי נאָך אפשר אָפּגעראַטעוועט?!..

ג י ט ע ל ע

אברהמל! סאיז נישט מעגלעך! חאַצקל, מיינט עס איצט ערנסט? עפּיס איז מיט אונזער מאַמעשי געשען! קום אַהיים, גיך! קום

אַהיים! חיינס חאַצקל, קום אויף!..

**ח אַ צ ק ל**

*און זעלבן טאָן*

איר גייט בחנם... פוין צו שבעס... דער בער האָט זי אויפ־געפרעסן...

**ג נ ע ס ל ע**

*לויפט צי צו חאַצקלען און טרייסלט אים ביי דער האַנט*

חאַצקלע! זאָג דעם אמת! איך בעט דיך!..

**א ב ר ה מ ל**

האַצקל, דו שרעקסט אונז איבער!.. דעם אמת זאָג!

**ח אַ צ ק ל**

כ'האָב דאָך שוין געזאָגט!.. טויב זענט איר!.. איר גלייבט דאָך ניט, וואָס מען זאָגט אייך... *מאַכט זיך וויינענדיק*

**ג נ ע ס ל ע**

קום, אברהמל, קום חאַצקל. *לאָזט זיך לויפן*

**ש יי נ ד ע ל ע**

קומט, קינדער, מיר וועלן אַלע גיין זען, וואָס דאָרט איז. קומט דורכן גערטל, ס'איז נענטער... *אַלע אָפּ, חוץ חאַצקלען*

**ח אַ צ ק ל**

*צו זיך אַליין*

איר ווילט מיר ניט גלייבן, סאָ לויפט, זייט אַזוי גוט!.. כאַ־כאַ־כאַ!.. פון דער שיינדעלען איז גאָרניט אויסצוהאַלטן... פאַר איר מוז איך אַמאָל עפּיס אויסקלערן, אַז זי זאָל דאָס האָבן צו געדענקען. קיין איין וואָרט גלייבט זי מיר ניט!.. *דערזעט גדליה אויף דער שוועל פון דער קוכניע, באַהאַלט דאָס פּנים אין ביידע הענט און מאַכט זיך וויינענדיק*

**ג ד ל י ה**

באַמערקט עס און גייט צו צו חאַצקלען

פֿאַרוואָס עפּיס אַליין, חאַצקעלע? וואָס, דו וויינסט גאָר? אודאי,
זיך בײַ די נעז געריסן, ניִשט אמת?

**ח אַ צ ק ל**

איך האָב קיינעם ניִשט געריסן.

**ג ד ל י ה**

וואָס דען מהאָט דיך געריסן? — ווו זײַנען זיי ערגיץ די
קונדסים?

**ח אַ צ ק ל**

דאָס ווייכט שיינדעלע. איך ווייס פֿון גאָרניִשט.

**ג ד ל י ה**

האָט דיר שיינדעלע עפּיס אַן עולה געטון?

**ח אַ צ ק ל**

אַז מען וויל ניִשט גלייבן אין אירע ליגנס, קומט צו דערלאַנגען
מיט אַ שטיין אין קאָפּ?

**ג ד ל י ה**

פֿאַרווונדערט

זי האָט דיר געוואָרפֿן אַ שטיין אין קאָפּ אַריין? שיינדעלע?

**ח אַ צ ק ל**

וואָס דען, אומזיסט וויין איך?

**ג ד ל י ה**

און איז אַנטלאָפֿן?

**ח אַ צ ק ל**

געוויס.

גדליה

און די איבעריקע מיט אים?

חאַצקל

אודאי.

גדליה

עפּיס גאָרנישט גלאַטיק.

חאַצקל

פלומרשט מיט פּרידרן אין קול

אַז זי דערציילט אַ מעשה פון אַ גרויסן שוואַרצן בער, וואָס איז זי באַפאַלן, און וועלכן זי האָט דורכגעשטאָכן די געמבע מיט אַ קיך־מעסער און אים אָנגעקלעפּט אַ טויטן פאַר אירע פיס, און אַז איך וועל נישט גלייבן, קומט מיר נישט צו וואַרפן אַ שטיין אין קאָפּ אַריין? תּיכּף

גדליה

נאָכדענקענדיק

אַוועלכע ליגנס דערציילט שיינדעלע! משוגע איז זי! חסר דעה!..

חאַצקל

און אַז יענע וואָך האָט זי זיי איינגערעדט, אַז זי איז אַרונטער־געשפּרונגען פון צווייטן שטאָק און אַריינגעפאַלן אין אַ וואָגן שטרוי?!

גדליה

שיינדעלע!

חאַצקל

און אַז זי האָט איינע אַליין אויפגעהויבן פון דער ערד אַ פערד, וואָס האָט זיך אויסגעגליטשט?

גדליה

אַוועלכע ליגנס! מיין שיינדעלע?!.. ניין, ניין, נישט מעגלעך...

דאָס מוז איך חוקר ודורש זיין...

שיינדעלע

קומט צו לויפן פון גערטל. זי איז בלאַס און דערשראָקן

חאַצקל!.. האַצקל!.. קום גיך!.. גיטעלע... באַמערקט גדליהן אוי, סאַ-
טעשי!.. שנעלער!.. גיטעלע טרינקט זיך!.. פון בריקל אַרונטער-
געפאַלן!.. אין טייכל אַריין... ווייי!.. ווייי!.. ווייי!..

גדליה

זי אָפּשטויסנדיק

אַ נייעם ליגן אויסגעטראַכט!.. איך מיך ווילסטו געגאַרן?!..

חאַצקל

שפרינגט אויף אַ דערשראָקענער

איך בעט דעם פּעטערשי... איך בעט!..

שיינדעלע

אַ פאַרצווייפלטע

אוי, סאַטעשי!.. גיטעלע ווערט דערטרינקען... זי איז איבערן
קאָפּ אין וואַסער... מען זעט נאָך קוים די האָר... גיך!.. חאַצ-
קעלע... סאַטעשי!..

הערשעלע און אברהמלי

קומען צו לויפן דערשראָקענע

געוואַלד!.. געוואַלד!..

הערשעלע

גיטעלע טרינקט זיך!.. סאַטעשי!.. סאַטעשי!..

אברהמל

פּעטערשי!.. גיכער!.. גיטעלע ווערט דערטרינקען!..

גדליה

צו שיינדעלען

מיט דיר וועל איך זיך שפעטער אָפּרעכנען לויפט אַוועק אַ דורכן געסל הערשעלע און אברהמל נאָך אים

**שײנדעלע**

חײנע

ווײ איז מיר!.. אַלץ דורך דײנע ליגנס, האַצקל!.. אַלץ דורך דײנע ליגנס!..

**חאַצקל**

לאָזט זיך לויפן אַ צעמישטער צום געסל. אין דערזעלבער רגע קומט אָן גדליה טראָגנדיק אין די הענט גיטעלען אַ פאַרחלשטע און אַ דורכגעחיקעטע. נאָך אים הערשעלע און אברהמל

**חאַצקל**

חײנע און ברעכט זיך די הענט

גיטעלע!.. גיטעלע!..

**גדליה**

זי לעבט נאָך!.. געשווינד!.. אַ פעלדשער!.. אַ דאָקטאָר!.. לויפט אַרײַן מיט איר אין שטוב אַרײַן, האַצקל נאָך אים, בעת די אײַנריקע לויפן צום טויער

פאָרהאַנג

## צווייט בילד.

די בינע שטעלט פאָר אן אָרים מעבלירטן חדר אין בערל סירקעס הויזונג. רעכטס — א טיר, וואָס פירט אויף דער גאס אַרויס. קעגן איבער די צווייטער — א מיטל טיר מיט שויבן, וואָס פירט צו א הינטער חדר. לינקס — נעבן א גרויס פענסטער, — א נידעריקער שוסטער ווערק־שטאַט. דערנעבן — דריי נידעריקע טאַבורעטקעס, קאָפּיטקעס און אַנדערע שוסטערישע מכשירים.

### מאָטל מזיק

זיצט בײַם ווערקשטאַט, דרייט א דראָטווע און פייפט א טרויעריקן יידישן פאָלקס מאָטיוו

—

### חאַצקל

זיצט איינער אַליין בײַם טיש. פאַר אים ליגט אן אָפן בוך אין וועלכן ער פרובט זיך פאַרטיפן. ער ווײַזט אָבער אַרויס סימנים פון אומרויקייט, אומגעדולד, און נאָך א ווײַל גע-צוווּנגענער אויפמערקזאַמקייט, רוקט ער אַפּ פון זיך דאָס בוך

ניין, איך קאָן נישט... כאָטש פרוב איך מיך צו לייענען. איך פאַרשטיי קיין איין וואָרט נישט פון דעם, וואָס איך לייען... די אותיות טאַנצן פאַר מיינע אויגן, זיי קלייבן זיך אָפּ פון בלאַט און גיסן זיך צונויף אין עפּיס אַ גרויסן שוואַרצן פלעק. גיטעלעס האָר, וואָלט איך זאָגן... גיטעלעס האָר שווימענדיק אויפן וואַסער... טונקל אַזוי שוואַרץ און גלאַנציק, ווי גיטעלעס נאַסע האָר, בעת דער פעטער גדליה האָט זי נאָר וואָס פון וואַסער אַרויסגעצויגן! פאַרטראַכט זיך

### מאָטל

אָט, דאָס קומט אַרויס פון ליידיק גיין! זעסטו, חאַצקל, וואָלטסטו אָבער אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג, ווי איך, וואָלטן דיר נישט געקומען

אזעלכע מאָדנע איינפאַלן אין קאָפּ אריין... *פּיפּט װיסטער און דרייט די דראַסטע*

### ח אַ צ ק ל

*פריליך*

ניין, מאָטל מזיק, דו פאַרשטייסט ניט וואָס איך מיין. איך מיין דאָס, וואָס האָט געטראָפן מיט גיטעלען. ווען איך וואָלט ניט דערציילט יענע מעשה מיטן בער... פאַרשטייסט?..

### מ אָ ט ל

ווער מיר בער? וואָס מיר בער? עפּיס רעדסטו דאָך גאָרניט צו דער זאַך, חאַצקל... זיי ניט אַזוי אָפּגעלאָזן. גיטעלען איז גאָט צוזאַנקן בעסער. מילא, עס טרעפט אַמאָל אַ מאַלער, דאַרף מען שוין דעם קאָפּ פאַרלירן?.. ריידן פון בערן, פון לעבן און פון פּיפּערנוטערס... כאַ־כאַ־כאַ!.. האַצקעלע, אַ זינג, אַ שפּרינג, אַ טאַנץ, לעבעדיק און פריילעך!.. *דרייט די דראַסטע און פּיפּט*

### ח אַ צ ק ל

ניין, דו ווייסט ניט... איך מיין דאָס, וואָס איך האָב דערציילט וועגן דעם בער, וואָס האָט אויפגעגעסן די מאַמעשי. גיטעלע האָט געמיינט סאיז אַן אמת, און אַהיים געלאָפן; אויפן בויך האָט זי געוויינט, זיך די אויגן געווישט מיטן טיכל, און דערווייל ניט באַמערקט, ווי זי איז געגאַנגען, און אַריינגעפאַלן אין וואַסער. אוי!.. ווען ניט דער פעטער גדליה, וואָלט זי אויף אַן אמת דערטרונקען געוואָרן. אָרימע גיטעלע!.. אָרים שוועסטערל מיינס *פאַרטראַכט זיך*

### מ אָ ט ל

*ציט מיט די אַקסלען*

איך זאָל אַזוי וויסן פון בייז, צי איך ווייס, וואָס ער רעדט! „אַ בער האָט אויפגעגעסן די מאַמעשי"... די באַלאַבאָכטע מיינט ער.. איז ער ניט אַביסל פאַרדרייט? איך הייב אָן כאַר אים עפּיס מורא צו האָבן... *רופט* היי, חאַצקל! טו נאָר אַביסל אַ



עדת ישראל

רודער!.. גיי דו שוטה, ביִטעלע וועט געזונט ווערן... אַ רודער
טו; אַ זיִנג, אַ שפּריִנג אַ טאַנץ!..

חאַצקל

ענטפערט ניִשט. באַהאַלט דאָס פּניִם אין ביידע הענט און לאָזט הערן פון צייט צו צייט
אַ ביִטערן זיִפץ

הערשעלע און אברהמל קומען אריין דורך דער סיִזי רעכטס

הערשעלע

שטיִל צו אברהמלען

וואָס טוט ער דאָרט? דאַכט זיִך, ער שלאָפט.

אברהמל

לאַכט

אַנטשלאָפן געוואָרן ביים בוך.

הערשעלע

וואַרט, איִך וועל איִם אויפוועקן. גייט צו שטיִלערהייט צו חאַצקעלען
און שרייט איִם אַריין איִן אויער הו!.. הו-ו!..

חאַצקל

שפּריִנגט אויף אַ דערשראָקענער, און קוקט אָן הערשעלען מיִט פאַרחיִינטע אויגן

צו וואָס דער שפּאַס, הערשעלע? די צייט פון לאַכן איז שוין
אַריִבער.

הערשעלע

מיט חרטה

וואָס איִז חאַצקעלע? האָט וואָס געטראָפן? איִך האָב געמיינט, דו
ביזט אַנטשלאָפן געוואָרן ביי די לעקציעס. איִך זע דאָ אַ בוך
נעבן דיִר ליִגן, האָב איִך געמיינט...

חאַצקל

ניין, דאָס בוך, זאָגט מען, זאָל זיין זייער איִנטערעסאַנט: דער
טאַטע האָט אויף מיִר רחמנות געהאַט און מיִר דאָס געבראַכט,

איך זאָל זיך אַביסל צעשלאָגן די געדאַנקן.

**אברהמל**

אָ, סאיז זייער קאָמיש! איך האָב געלייענט.

**האַצקל**

איך ווייס ניט, וואָס איך לייען. שוין טויזנט מאָל אָנגעהויבן און פאַרשטיי ניט קיין וואָרט, פאַרגעס ביי דער צווייטער שורה, וואָס איך האָב געלייענט אין דער ערשטער. גיטעלע שטייט מיר אַלץ פאַר די אויגן. איך זע, ווי זי טרינקט זיך; איך הער, ווי זי שרייט: האַצקל! ראַטעווע! איך ווער דערטרינקען... *חיינט* אָ, קינדער, אַ מורא באַפאַלט מיך, ווען איך דערמאָן זיך, ווי דער פעטער גדליה האָט זי געבראַכט צו־טראָגן, כמעט אַ טויטע... מיין שוועסטערל! מיין גיטעלע! סיר ניט געשטאָרבן... און דורך מיינע ליגנס... *חיינט*

**הערשעלע**

דו ביזט גערעכט, האַצקל; אָבער, גאָט צו דאַנקען, גיטעלע איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן!...

**האַצקל**

אָבער אַזוי קראַנק! אַזוי פיל יסורים!...

**הערשעלע**

אמת. אָבער אַבי זי איז געראַטעוועט.

**אברהמל**

אָ, סאיז איר שוין אַ סך בעסער. שטייט שוין אַביסל אויף פון בעט, עסט שוין ווי געהעריק.

**האַצקל**

זי איז אַזוי בלייך, אַזוי אויסגעצמאָטערט!

א ב ר ה מ ל.

פאַרשטייט זיך. ליגן צווי וואָכן אין בעט און ניט עסן. היינט רפואות? פאראַן פון וואָס צו ווערן בלייך, ווי קאַלך און מאָגער, ווי אַ שטעקן.

ח אַ צ ק ל

אָט דאָס טאַקי קרענקט מיך. איך בין אין דעם אַלעם שולדיק, פאַרשטייסט? ווען ניט איך מיט מיינע ליגנס...

ה ע ר ש ע ל ע.

הער אויס, חאַצקל: וואָס געווען איז געווען, מיט וויינען, מיט אָפּעסן זיך טהאַרץ וועסטו דאָס ניט איבעראַנדערשן. האָסט געזינדיקט, געהאַט חרטה, גיטעלען איז בעסער: גענוג, פאַרגעס דאָס אַלטע, און געדענק נאָר אויף ווייטער קיין ליגנס ניט צו זאָגן.

ח אַ צ ק ל

וואָס סאיז שייך ליגנס, קאָנסטו דיין זיכער, אַז איך וועל שוין מער גיט זאָגן.

ה ע ר ש ע ל ע

איז דאָך אודאי גוט! מאַך דיר אַ האַרץ! זיי ניט אַזוי אָפּגעלאָזן! איך גיי אַ קוק טון, וואָס גיטעלע טוט, און קום באַלד צוריק. שיינדעלע איז דאָך אודאי נעבן איר, ניט אמת?

ה אַ צ ק ל

זי איז נעבן איר שוין אַ פּאָר שעה, גיטעלע האָט זי זייער ליב.

ה ע ר ש ע ל ע

מיר קומען באַלד צוריק גייט אָפּ — אברהמל מיט איס

מ אָ ט ל.

אודאי איז הערשעלע נערוועס. וואָס ניט? פון וויינען קומט גאָרניט אַרויס. די אויגן ווערן קאַליע, און דאָס איז אַלץ.

חײס איך, װאָס עס טועפּט זיך אַמאָל אַ מאַלער, למאַי איז מײַן טאַטע געשטאָרבן? חײנעץ האָט ניט קײן שיעור... לערן איך זיך בעסער אַ מלאכה. װאָס דען, גנבענען זאָל איך?.. הלואי קאָן איך שוין אַלײן מאַכן אַ פּאָר שיך! אַ געמאַכטער מענטש װאָלט איך דעמאָלט זײַן... אַ מענטש איז ניט מער, װי אַ מענטש. און אַז מען װערט אַמאָל קראַנק, איז װאָס? װערט מען דאָך צוריק געזונט. אָט פילט זיך שוין גיטעלע אַ סך בעסער. זי עסט שוין, טרינקט שוין, הױבט זיך שוין פון בעט אויף. גײ, האַצקל, זײ ניט קײן שלימזל! אַ יינגל װי דו דאַרף קאָנען אַבּיסל אַ רודער טון: אַ זינג! אַ שפּרינג! אַ טאַנץ!.. האָסט שוין געזען דעם שאַך און דעם טינטער, װאָס דײַן טאַטע האָט געקױפט פאַר שײנדעלען און הערשעלען?

**ח אַ צ ק ל**

*זיך מאַכנדיק האַרץ*

אַ שײנעם שאַך?

**מ אָ ט ל**

אָ, אַ שײנעם געשניצטן שאַך פון העלפנטביין, און אַ געגילדטן טינטער.

**ח אַ צ ק ל**

װוּ זײַנען זײ?

**מ אָ ט ל**

דאָרט אין שענקעל. אין אונטערשטן שופלאָד.

**ח אַ צ ק ל**

*גײט צו צום שענקל און פרוּװט דעם ש פלאָד*

אָפן. צי מאַטלען אָט דאָ אין דעם פאַפירענעם שאַכטל?

**מ אָ ט ל**

יאָ, יאָ, אין שאַכטל. אַ שאַך! אַן אמתע צאַצקע!

חאַצקל:

נעמט אַרויס אַ פּאַפּירן שאַכטל, עפנט אויף און ציט אַרויס אַ בראָנזענעם טינטער און אַ שאַך-קעסטל

אוי, ווי שיין!.. עפנט סקעסטל פּראַכטפולע פיגורן. אינגאַנצן פון ביין. דאָס איז דער קעניג, און דאָס — דער ריטער. מען וואָלט זאָגן אַ לעבעדיק פערד. די גריווע... די אויגן... באַטראַכט די פיגורן און לייגט זיי צוריק אין קעסטל, לאָזנדיק זס אָפן און דאָס איז דער טינטער! און אַ פּאַפּיר=מעסער אויך! אַך, וואָסער אַ שיינע מתנה!.. אין אַ פּעדער=האַלטער, און טינט אויך אפילו — אַלץ גרייט צום שרייבן ער נעמט אָן דעם טינטער ביים דעקל און פּרוּווט אים אַריינשטעלן צוריק אין שאַכטל. ער לאָזט אָבער פּלוצים אַרויס אַ פאַרשטיקטן „אויס". דאָס דעקל בלייבט אים אין דער האַנט, בעת דער טינטער פאַלט אַראָפּ אין שאַך-קעסטל, גיסט זיך אויס און פאַרפלעקט עטלעכע פיגורן אַן אומגליק!..

מאָטל·

וואָס איז געשען, חאַצקל?

חאַצקל

סאיז געוועזן טינט אין טינטער. אַלע פיגורן פאַרגאָסן.

מאָטל

ביזטו געוואָרן אַ שלימזל!.. כאַפּט די פיגורן און ווישט זיי מיטן פאַרטוך

חאַצקל

נאָך דאָס האָט מיר געפעלט... מהערט טריט אין הינטער-צימער

מאָטל·

מע'קומט. פאַרמאַך דאָס שאַכטל, און קום אַרויס. לאָמיר דאָ נישט זיין, ווען דיין טאַטע וועט דערזען דעם שאָדן ער שטעלט אַוועק סשאַכטל אויפן טיש, נעמט אָן חאַצקלען ביי דער האַנט און שלעפּט אים אַרויס כמעט מיט געוואַלד דורך דער טיר — רעכטס

שיינדעלע און הערשעלע קומען אַריין דורך דער מיטל=טיר

**שײנדעלע**

זע, טאָיז קײנער נישטאָ. גיטעלע האָט געזאָגט, אַז מיר װעלן דאָ געפינען חאַצקעלען.

**הערשעלע**

ער איז טאַקי ערשט נישט־לאַנג דאָ געװען. אַ רחמנות, נעבאַך אויפן אָרימען חאַצקעלען! זינט דעם אומגליק מיט גיטעלען, איז ער שטענדיק אַזוי אומעטיק, אַזוי טרויעריק, קײן לאַך נישט צו טון.

**שײנדעלע**

איך האָב באַמערקט, אַז די לעצטע צײט זײַנען בײַ אים די אויגן תמיד רויט. גלײַך ער װאָלט האַלטן אין אײן װײנען.

**הערשעלע**

דו װײסט, שײנדעלע, ער זאָגט שוין נישט קײן ליגנס מער.

**שײנדעלע**

באמת? כהאָב דאָך נישט געקאָנט קײן אײן װאָרט אים גלויבן.

**הערשעלע**

יאָ. אַצונד האָט ער זיך אויף אַן אמת אויסגעבעסערט.

**שײנדעלע**

װער װײס? און אפשר האָט ער נישט געהאַט קײן געלעגנהײט דײַנע ליגנס צו דערצײלן? עפּיס האָב איך נישט צו דעם חאַצקעלען קײן גרויסן צוטרוי.

**הערשעלע**

*באַמערקענדיק אויפן טיש דעם שאַכטל*

אָ, סאַרע שײן שאַכטעלע! *עפנט דעם שאַכטל* זע, שײנדעלע, אַ טײַטער!.. און אַ שאַך.. אַ בײנערנער שאַך!.. אוי, װי שײן!..

*שײנדעלע גײט צו נעענטער און באַקוקט די פיגורן צוזאַמען מיט הערשעלען*

שיינדעלע

ווי שיין! ווי, ווי באַטעמט די מענטשעלעך זיינען!..

הערשעלע

דאָס רופט מען פיגורן, שטיקעס. אָט דאָס איז אַ מלך, און דאָס — אַ ריטער — קאָנסט שפּילן אין שאַך שיינדעלע?

שיינדעלע

ניין, איןביינדלעך קאָן איך.

הערשעלע

אָך, זע נאַר! די פיגורן זיינען פּאַרפעקט מיט טינט!

שיינדעלע

אוי, אַ שאָד! דער גאַנצער שאַך איז איבערגעפּירט!

הערשעלע

מען זאָל גוט רייבן, וואָלט מען אפשר געקאָנט די פלעקן אַראָפּנעמען. סאיז נאָך גענוג פייכט.

שיינדעלע

מען קאָן פּרווון. גיב מיר יענעם ריטער די גרינווע און דער קאָפּ פונם פערד איז אינגאַנצן פּאַרפעלעקט. איך וועל רייבן מיט מיין טאַשנטיכל.

הערשעלע

גיט איר

און איך וועל פּרווון אָפּרייבן דעם טורם: ער איז אינגאַנצן פּאַרשפּריצט. זיי רייבן אַ חיל די שטיקעס, פּלוצים דערהערן זיך טריט אין הינטער-צימער

שיינדעלע

אוי וויי, מען קומט! הערשעלע, לייג צוריק אַלץ אויף זיין אָרט, מען קאָן נאָך מיינען אַז מיר האָבן פאַרגאָסן די פיגורן...

ביידע לייגן איילנדיק צוריק אַלץ אויף זיין אָרט און מאַכן צו דאָס שאַכטל

די מיטל-טיר עפנט זיך יוזשיק און גדליה מיט בערלען קומען אריין

בערל

יאָ, יאָ, ברודערל, אַ שיין פעקל געהאַט אויף זיך, אַ גוטע שוויצבאָד. איר לעבן האָט ממש אויף אַ האָר געהאָנגען. דאָס הערצל איז ביי איר אַביסל אָפּגעשוואַכט געווען שוין פון לאַנג, איצט פלוצים אַזאַ חתונה, פאַרשטייסט, ווי איך האָב געקאָנט אויסזען? דיר ברודערל האָב איך מיין קינדס לעבן צו פאַרדאַנקען, נאָר דיר. איך האָב עס מיין מיר קען שוין אַ פּאָר מאָל געזאָגט. אַך, אַך, אַך! אַ שיין שטיקל שוויצבאָד!..

גדליה

אויך מיר אַן עסק! ווייס איך. אַבי דאָס קינד איז ניצול געוואָרן. ווער דער גוטער שליח איז געווען איז אַלץ איינס. אויך מיר אַן עסק, נו, יעדער טוט וואָס ער קען און וואָס ער דאַרף..

בערל

אָ, ניין, ניין, זאָג עס ניט, איך בעט דיך. אַ גוטער שליח איז אַ גוטער שליח, אָבער ניט אַלע מאָל האָט מען אים צו דער האַנט. ווען ניט דו, פאַרשטייסט?..

גדליה

זאָל זי דיר געזונט און שטאַרק זיין! און זאָל קיין גוטער פריינט מיט אַזעלכע זאַכן ניט געפּרוּווט ווערן.

בערל

אָ, אפילו מיין גרעסטן שונא ווינטש איך עס אויך ניט, ווי די זעסט מיך לעבן!.. באַמערקט שיינדעלען און הערשעלען וואָס, איר זענט גאָר דאָ? און אַליין גאָר? ווו זיינען די איבעריקע? אברהמל, חאַצקל?..

שיינדעלע

אומבאַהאָלפן

איך ווייס ניט. מיר וואַרטן דאָ אויף זיי.

**ג ד ל י ה**

*זי באַטראַכטנדיק*

פאַרוואָס עפּיס זיצטו נישט נעבן גיטעלען?

**ש י י נ ד ע ל ע**

*מיט אַ ציטערדיק קול*

מיר זיינען דאָך ערשט נעבן איר געווען... זי איז מיד, טאַטעשי, האָט זי געוואָלט אָביסעלע דרימלען. זי האָט אונז געזאָגט, אַז [illegible] וועלן דאָ טרעפן אברהמלען און האַצקלען.

**ה[illegible]ל**

מ[illegible] וועלן די באַלד אַריינקומען, דער האַצקל איז מיר גאָר אויס [illegible] געוואָרן זינט דעם צופאַל מיט גיטעלען. גאָר אויס מענטש.

**ג ד ל י ה**

ער האָט זיך מער פון אַלע געהאַט דערשראָקן; איך דערמאָן זיך עס אַצינד געננוי.

**ב ע ר ל**

נו, פאַרשטייט זיך. ער איז דאָך דער עלטערער. — גאָר, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן?.. עפּיס האָב איך אין זינען געהאַט... אַ יאָ, יאָ, וועסט דאָך נישט האָבן דערקעגן, גדליה, אַז איך וועל דיין ביסל קליינוואַרג מהנה זיין מיט אַ מתנהדע? האָ? מילא, צרות האָבן זיי געהאַט, זאָלן זיי וויסן אויך פון אַ שטיקל תענוג.

**ג ד ל י ה**

אויף מיר אַן עסק, נו. ווייס איך, ספּעלט זיי צום רימלז?

**ב ע ר ל**

ניין, פאַרוואָס טאַקע נישט? אַ גרויסע זאַך? גאָט צו דאַנקען! אין דער פרנסה, הלואי, אויף אַלעמאָל נישט ערגער! *גיט צו זום שענקל, עפנט די שופלאַד און נעמט פון דאָרט ארויס עטלעכע פאַרהוונדערטס* אַ רעטעניש,

באמונות! איך האָב אַליין מיט אייגענע הענט געבֿן פאַרנאַכט, דאָ אַריינגעשטעלט אַ שאַכטל, און איך געפֿין אים ניט. אַ מאָדנע רעטעניש

גדליה

איז עס ניט דער דאָ, אויפֿן טיש?

בערל

יאָ, יאָ, אָט דאָס איז ער משקן! נאָר ווי אַזוי געפֿינט ער זיך עפּיס אויפֿן טיש? איך האָב אים בכיון פֿאַרשלאָסן, קיינער זאָל אים ניט רירן. ער עפֿנט דעם שאַכטל, נעמט אַרויס דאָס שאָך-קעסטל און דעם סינטער, דערלאַנגט שיינדעלען דעם סינטער הער־שעלען — דעם שאַך. די קינדער בלייבן שטיין אומבאַהאָלפֿן און קאָנען זיך ניט באַלייסן צו אָננעמען, צי ניט נעמט, קינדערלעך, נעמט; דער טאַטע וועט גאָרניט האָבן דערקעגן. ווען אַ פֿעטער גיט, מעג מען נעמען. ניט אמת, גדליה?

גדליה

אודאי, אודאי, אַז אַ פעטער גיט... דאָך אַביסל אַ צו טייערע מתנה פֿאַר אַזעלכע קליינע שניעקן... צו הערשעלען קאָנסטו ווייניקסטנס שפּילן אין שאַך? נעמט דאָס שאַך-קעסטל און באַקוקט עס אָן חאַזשנע!.. אָט דאָס הייסט אַן אַרבעט! אָלץ הייסט אַן אַרבעט!.. אַ גאָלדענער בעל-מלאכה!.. עפֿנט סקעסטל אַך, גאָט מיינער! אַ אַ שאָד!.. אַ שאָד!..

בערל

שפּרינגט אויף פֿאַרחידעשט

וואָס איז דען!

גדליה

די פֿיגורן זיינען פֿאַרפֿלעקט מיט טינט!

בערל

העפּטיק

פאַרפלעקט! ווי אַזוי? דורך וועמען? *לויפט צו און כאַפּט די סיגאַר*
אַ נבלה!.. ווער האָט מיר אָפּגעטון דאָס שטיקל? אודאי מאָטל
מזיקס אַרבעט. איך דערקאָן שוין זיין שלימזלדיק הענטל..
נאָר ער וועט מיר דערפאַר טייער באַצאָלן. אַזוי גלאַט וועט עס
אים נישט אָפּגיין, דעם שייגאַץ! דעם קאַליקע!.. וווּ איז ער נאָר
ערגיץ? מאָטל! מאָטל! — זאָרג נישט הערשעלע, וועסט האָבן אַן
אַנדער שאַך-קעסטל...

**ה ע ר ש ע ל ע**

*מיט אַ ציטערדיק קול*

אָ, פּעטערשי... סאיז אַזוי אויך...

**ש יי נ ד ע ל ע**

סמאַכט נישט אויס, פּעטערשי, סוועט אַזוי אויך גוט זיין.

**ג ד ל י ה**

*מיט שטרענקייט*

פון וואַנען ווייסטו, שיינדעלע? מיר דאַכט דו האָסט נאָך אפילו
דעם שאַך נישט אָנגעקוקט.

**ש יי נ ד ע ל ע**

*ווערט רויט, בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ און ענטפערט ניט*

**ג ד ל י ה**

בכלל פאַרשטיי איך אייך עפּיס היינט נישט, קינדערלעך. דער-
הויפּט דיך, שיינדעלע. עפּיס זעסטו מיר היינט אויס אומבאַ-
האָלפן, אומגעלומפּערט, וואָלט איך זאָגן. האָסט אפילו דעם פּע-
טער בערל קיין דאַנק נישט געזאָגט פאַר זיין שיינער מתנה,
וואָס ער האָט דיר געשענקט. אַ שיינע מעשה, כלעבן, אַ מויד
פון דרייצן יאָר זאָל קיין פאַרשטאַנד נישט האָבן צו דאַנקן
ווען מען גיט איר עפּיס... פון הערשעלען רעד איך שוין גאָר-
נישט. אַז די עלטערע שוועסטער איז אַ תם, וואָס זאָל שוין זיין
דאָס יינגערע ברודערל?..

הערשעלע

טאַטעשי, איך ווייס ניט, וואָס צו זאָגן.

גדליה

וואָס הייסט, דו ווייסט ניט? אַ גרויסע מלאכה צו זאָגן: „איך דאַנק דיר פעטער"?

שיינדעלע

אומבאַהאָלפן

טאַטעשי, סאיז דערפאַר, וואָס... סאיז וויל...

גדליה

דערפאַר, וואָס?..

שיינדעלע

סאיז וויל... די טינט... פאַרפלעקטע פיגורן... כהאָב מורא גע-האַט... מיר האָבן געמיינט... סהייסט, איך האָב מורא געהאַט...

גדליה

מיט אַ פאַרשנדיקן בליק

אָהאָ... נו, וואָס? זאָג שוין אַמאָל...

שיינדעלע

סאיז וויל... די טינט... זי ברעכט אויס אין אַ געוויין אוי, טאַטעשי, איך בין ניט שולדיק... זי נעמט אַרויס דאָס טאַשנטיכל און ווישט זיך די טרערן, דאָס טיכל איז פאַרפלעקט מיט טינט

גדליה

גאַנץ ערנסט

איך פאַרשטיי דיך, שיינדעלע. דו דאַרפסט מיר שוין קיין פינ-גער אין מויל ניט אַריינלייגן. דו האָסט געכאַפּט דאָס שענקל, און אַרויסגענומען די זאַכן זיי צו באַטראַכטן, מסתמא אויס נייגעריקייט. נאָר געטון האָסטו דאָס דאָך, ווי אַ גנב. מיט ציטערניש. מורא האָבנדיק, מען זאָל ניט אָנקומען, האָסט זיך

גבאיילט, דאָס האַרץ דיר געזאָגט, אַז דו טוסט אַ מיאוסע זאַך. פֿון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס; ביזט געווען אומגעלומפּערט, איבערגעקערט דעם טינטער און די פֿיגורן פֿאַרפֿלעקט... זעסט, ווי איך פֿאַרשטיי דיך?.. און דער קונדס, הערשעלע, האָט דיר דערבײַ מסתּמא מיטגעהאָלפֿן, אַנדערש וואָלט ער אַזוי שטיל ניט געווען: דאָס איז ניט זיין כּבֿע...

## ש ײַ נ ד ע ל ע

שלוכצנדיק

אוי, טאַטעשי... איך... איך שווער דיר!..

## ג ד ל י ה

אַביסל אין כּעס

האָסט נאָך די העזה עס אָפּצולייקענען! דיין טאַטשנטיכל איז אַן עדות קעגן דיר... זע, ווי ס'איז מיט טינט פֿאַרפֿלעקט... הא, וואָס ווערסטו איצט זאָגן?.. אָנשטאָט דו זאָלסט זיך מודה זיין אויף דעם פֿעלער, וואָס דו ביזט באַגאַנגען, ווילסטו אים נאָך צוואָלצן און צופּעפּערן מיט קטלעכע אומגעלומפּערטע ליגנס?..

## ש ײַ נ ד ע ל ע

ברעכט זיך די הענט

אוי, טאַטעשי!.. טאַטעשי!.. איך? ליגנס?

## ג ד ל י ה

דו מיינסט, אַז איך ווייס ניט פֿון די ליגנס, וואָס דו האָסט די גאַנצע צייט אָנגעדערציילט? איך האָב אויף דיר שוין לאַנג אַן אויג... די מעשה מיטן אַראָפּשפּרינגען פֿון צווייטן שטאָק... די מעשה מיטן וואָגן שטרוי... די מעשה מיטן פֿערד, וואָס דו האָסט איינע אַליין אויפֿגעהויבן... און אפֿילו די מעשה מיטן בער...

## ש ײַ נ ד ע ל ע

אויסער זיך פֿון וויינען

אוי, טאַטעשי!.. טאַטעשי!..

ה ע ר ש ע ל ע

חײנס

נײן, נײן, סאַטעשי!.. ניט זי... ניט שײנדעלע!..

ג ד ל י ה

הער דען, דו?.. װײז אַהער דײן טאַשנטיכל..

ה ע ר ש ע ל ע

אוי, טאַטעשי, איך בין ניט שולדיק... ער חײזט דאָס טאַשנטיכל — סאיז באַפלעקט מיט טינט

ג ד ל י ה

און װי קומט טינט אויף דײן טאַשנטיכל?..

ה ע ר ש ע ל ע

חײנס

איך האָב געװאָלט אָפּװישן די פינגערן...

ג ד ל י ה

האַ, האַ, דו ביזט שוין מודה?.. דו ביזט אַ סך ערלעכער, װי דײן שװעסטער: דו ביזט מודה על האמת און דערצײלסט װײ- ניקסטנס ניט קײן נײע ליגנס..

ב ע ר ל

נו, באַרויק דיך, גדליה; זײ ניט מיט זײ צו שטרענג. קינדער- שער שכל... נײגעריקײט, װײס איך, חעלן עלטער װערן, װעלן זײ זיך פאַרבעסערן, פאַרשטײסט?.. אַ קינד בלײבט אַ קינד... זײ זײ מוחל, איך בעט דיך...

ג ד ל י ה

ערנסט

נײן, ברודער, איך בעט די מתנה צוריקצונעמען: זײ פאַרדינען זיכער ניט קײן מתנה פאַר זײערע ליגנס זאָגן און פאַר דער מיאוסער מעשה װאָס זײ האָבן אָפּגעטון, אַז האָסטו צוליב זײער

שולד געוואָלט באַשטראָפן דעם אָרימען מאָטל מזיק, נעבאַך, אַן זומגליקלעכן יתום אָן טאַטן און אָן אַ מאַמען... זיי פאַרדינען בשום אופן נישט קיין מתנה. גיטעלע אנגעלענט פון אַיין זייט אויף מירקען, פון דער צווייטער — אויף חנה׳קעלען ... אַרײַן דורך דער פּיסל־סיר. נאָך זיי אברהמל

**ג ד ל י ה**

(בײַם פּריוד)

גיטעלע! דו, טייער קינד? אָט אַזוי האָב איך דיך ליב! גאָר פיין!.. גאָר פיין!..

**ג י ט ע ל ע**

איך האָב געוווּסט, אַז איר זענט אַלע דאָ, האָט זיך מיר געוואָלט אַביסל זיצן נעבן אייך. חאַצקל האָט מיך אויך צוגערעדט — שיינדעלע, הערשעלע, קומט אַהער, איך האָב אייך אַזוי ליב. שיינדעלע פאַלט איר אויפן האַלדז און חייבט מיט ספאַזמען; הערשעלע חישט זיך די אויגן

**מ י ר ק ע**

ווי איז מיר, וואָס ווייבען זיי עפּיס, די קינדער? שיינדעלע, וואָס איז דיר? און אויך דו, הערשעלע?

**ג י ט ע ל ע**

(ערשראָקן)

גאָט מיינער! וואָס איז דיר שיינדעלע? טייערע קוזינקע, חברטע מיינע, און דיר הערשעלע?

**ש י י נ ד ע ל ע און ה ע ר ש ע ל ע**

חילן ריזן שגער די טירערן בלײַבן זיי אָבער סטיין אין האַלדז

**ג ד ל י ה**

דאָ איז געשען, גיטעלע, אַ זאַך, וואָס איז גאָרנישט קיין גרויסער כבוד פאַר דיין קוזינקע און פאַר דיין קוזין. זיי האָבן אָן דערלויבעניש געעפנט אַ שופלאָד פון יענעם שענקל און אַרויסגענומען

זאָגן, וואָס... חייזט מיט דער האַנט אויף דעם שטעכעל

חאַצקל

העפטיק

איך, דאָס האָב איך זיי אַרויסגענומען, זיי צו באַקוקן. ניט שיינדעלע, ניט הערשעלע.

גדליה

פאַרחוגערט

אויב אַזוי איז זייער שולד אַביסל קלענער: דאָס איז אמת. די דאָזיקע צוויי פיינע מענטשן אָבער, האָבן געטון אַ צווייטע זאַך, וואָס איז ניט ווייניקער מיאוס. אַ זאַך פאַר וועלכער אַן אומגליקלעכער יתום, געבאַך, האָט געקאָנט אומשולדיק באַשטראָפט ווערן.

מירקע

שוואָגער, דאָס איז ניט מעגלעך! שיינדעלע? הערשעלע? אונדזערע טייערע קינדער?

גדליה

אָנשטאָט מודה צו זיין דעם אמת, שוועגערין, האָט די טייערע שיינדעלע, וואָס דו זעסט, געוואָלט איר פעלער פאַרדעקן מיט אַ נייעם ליגן: איך זאָג אַ נייעם, ווייל זי האָט בכלל אַ טבע ליגנס צו זאָגן. דערויף איז חאַצקל אַן עדות, ער האָט שוין פון איר געקריגן אַ שטיין אין קאָפּ אַריין אויך...

מירקע

גאָט איז מיט אייך שוואָגער, וואָס רעדט איר?

גיטעלע

מיט פאַרחויף צו חאַצקלען

חאַצקל!.. חאַצקל...

בערל

אומצופרידן

איך בעט דיך, גדליה, פיינק נישט אַזוי די קינדער... אויך מיר אַן עסק, נו, האָבן זיי פֿאַרפֿלעקט אַ פּאָר פיגורן מיט טינט, סאיז נישט קיין סכּנה. מען וועט זיי קאָנען אַפּוואַשן...

### חאַצקל

העסטיק

וועך זאָגט איר האָט פֿאַרפֿלעקט פיגורן מיט טינט?

### גדליה

— נו, ווער? נו! דיין קוזינע און דיין קוזין...

### חאַצקל

לייגט די האַנט אויפֿן האַרץ

איך, איך בין שולדיק. און אַ חוץ מיר קיינער נישט! פֿאַר־שטייט זיך, אַז איך האָב עס געטון נישט ווילנדיק. די האַנט האָט מיר אַ ציטער געטון און דער טינטער איז אַריינגעפֿאַלן צווישן די פיגורן און זיי פֿאַרפֿלעקט. איך האָב עס גיטעלען דערציילט, און בין איצט געקומען אַליין דאָס דערציילן דעם טאַטן, שיינדעלע און הערשעלע זיינען נישט שולדיק. אַלע בלייבן פֿאַרחידושט

### שיינדעלע

כאַפּט אָן חאַצקלען ביי דער האַנט און טרייסלט זי מיט דאַנקבאַרקייט

חאַצקעלע, דו ביזט אַן ערלעכער מענטש!.. דו האָסט אַ גוט האַרץ... איך דאַנק דיר.

### גדליה

קושט שיינדעלען און קושט הערשעלען

מיינע ליבע קינדערלעך, איך האָב באמת צער און חרטה, וואָס איך האָב אייך בחנם באַשולדיקט. דאָך וואָלט איך געוואָלט וויסן פֿאַרוואָס זיינען אייערע טאַשנטיכלעך מיט טינט פֿאַרפֿלעקט?

### הערשעלע

מיר האָבן געפּעגט דאָס שאַכטל און באַקוקט די פיגורן, ווענדיק,

אַז זיי זיינען נאָך פּייכט האָמיר זיי געפּרוווט אָפּוויַשן מיט אונזערע טיכלעך...

גדליה

איך פאַרשטיי: איר האָט מורא געהאַט מען זאָל ניט זאָגן, אַז איר האָט זיי פאַרפלעקט?..

שיינדעלע

אודאי, אָט דערפאַר האָבן מיר דאָך געוויינט.

גדליה

אויב סאיז שוין יאָ אַזוי, וואָלט איך שוין געוואָלט וויסן אַלץ. ווי קומט עס שיינדעלע, אַז דו זאָלסט דערציילן אַזעלכע מאָדנע מעשיות וועגן אַראָפּשפּרינגען פון אַ צווייטן שטאָק, וועגן אַ וואָגן שטרוי, וועגן אַ פערד, וואָס דו זאָלסט כלומרשט האָבן אויפגעהויבן אין וועגן אַ בער, וואָס דו האָסט דערשלאָגן?.. און אַז חאַצקעלע האָט דיר ניט געוואָלט גלויבן, האָסטו אים דער־לאַנגט מיט אַ שטיין אין קאָפּ אַריין?..

שיינדעלע

קוקט באַרהונגדערס אויף חאַצקלען

גיטעלע

חאַצקעלע!.. חאַצקעלע!..

חאַצקל

מיט טרערן אין קול

אויך דאָסמאָל בין איך דער שולדיקער און ניט שיינדעלע. די אַלע מעשיות האָב איך דערציילט; איך... שיינדעלע האָט מיר ניט געוואָלט גלויבן, בין איך אויף איר אין כעס געווען, און דערפאַר האָב איך דאָס אַלץ אויף איר געזאָגט... פאַרגעסטיקע באַחונדערונג

**ג י ט ע ל ע**

(כאפט אן חאצקלס האנט)

האַצקעלע, דאָס וואָס די האָסט אַצינד געטון, וואַשט דיך ריין פון אַלע ליגנס וואָס דו האָסט אַמאָל דערציילט.

**ח אַ צ ק ל**

דיין קראַנקהייט, גיטעלע, האָט מיך אויסגעהיילט פון אַ מיאוסן פעלער. איך וועל שוין מער קיין ליגנס נישט זאָגן!.. (ביידע קינדער קושן זיך)

פאָרהאַנג